# א שמועס ביים שבת טיש

להערות והארות התקשרו בדוא"ל: vortofshabbos@gmail.com

פרשת
**ויצא**


## • לימוד מפרשתנו

**ויחלם והנה סלם מצב ארצה וראשו מגיע השמימה**

**ומלאכי אלקים** - מחשבות החכמה. (אבן עזרא)

הה"ק רבי אברהם מרדכי פון גור דער אמרי אמת זצ"ל איז געזעסן איין טאג און געלערנט מיט זיין יונגסטער זון (שפעטער דער גערער רבי פנחס מנחם זצ"ל) פרשת ויצא, די מעשה פון יעקב אבינו'ס חלום מיט די לייטער און די מלאכים, און דער פאָטער וואס וויל זען וויפיל דער זון פארשטייט, האט אנגעהויבן פרעגען שאלות:

זאג מיר "אויב יעקב האט געזען מלאכים גייען ארויף און אראפ, פארוואָס האט ער זיך נישט מיטגעכאפט ארויף צוקריכן מיט זיי?". ענטפערט דער דער זון מיט א שמייכל: "טאטע, עס איז נאָר אַ חלום." יא קינד לעבן, עס איז טאקע בלויז א חלום, אָבער מיר ווייסן אז געווענטליך וואָס אַ מענטש חלומ'ט ביינאכט ליגט אביסל אויף זיין קאפ בייטאג, צי האט יעקב דען נישט געהאט א מחשבה צו גיין העכער אין הימל אריין ? דער קליינער פנחס מנחם טראכט און דערנאך געזאגט: די תורה זאגט אין די קומענדיגע פסוק "והנה ה' נצב עליו" אויב דער באשעפער איז דא מיט אים, וואָס האט יעקב צו קריכן ערגעץ אנדערש? ... דער גערער רבי איז געווען זייער צופרידן פון די ענטפער פונעם קלוגן קינד.

איינער פון די מעשיות מיט וואס מיר זענען אלע באַקאַנט, איז די מעשה פון "ר' אייזיק ר' יעקעל'ס" פון קראקא, וואס האט געחלומט איין נאַכט אז אונטער די בריק אין פראג איז דא א גרויס אוצר וואס ווארט פאר אים. נאך גרויס אנשטרענגונג איז ר' אייזיק אנגעקומען צו די בריק כדי צו באַקומען דעם אוצר, אבער אַ אָפיציר האט אים "געפאַקט ביי די מעשה". "וואס זוכסטו דא אינמיטן די נאכט"? הערענדיג די געשיכטע פון א חלום וכו' פלאַצט ער אויס פאר געלעכטער: "איך האב אויך געחלומט אַז אונטער דער היים פון א איד מיטן נאמען אייזיק אין קראקא ליגט א גרויסע אוצר אונטער די אויוועון, מיינסטו אז איך וועל יעצט לויפן ביז קראקא און צוברעכן די אויוועון?!... ר' אייזיק

האט צוגעהערט און גארנישט געענפערט, ער לויפט שנעל אהיים און נעמט זיך ברעכן די אויווען און געפינט דעם אוצר!

וויפיל מאל פאלט אונז איין א גוטע געדאַנק. למשל מ'וויל העלפן אנדערע, מ'וואלט געוואלט געבן צדקה פאר די שענסטע חסד ארגאניזאציעס ווייל "דאס הארץ גייט אויס" אבער ער האט נעבעך נישט די געלט. מ'טראכט צו זיך ווען איך וואלט נאר געהאט אפאר דאלער וואלט איך געגעבן וכו', טאקע זייער גוטע מחשבות אבער... ס'איז דא אזויפיל געלעגנהייטן צו העלפן דא אין דער נאנט, מיר האבן אזויפיל מאל געלעגנהייטן צו זיין בעסער צו די מאן/ווייב און די משפחה. מ'קען געבן א שמייכל, א גוט ווארט צו א קינד, א 'קאר רייד' וכדומה. א ווארימע "גוט מארגן וואס מאכסטו" צו א איד אין בית המדרש. ס'איז דא געווג וואס צוטון מיט די נאנטע און באקאנטע.

אדער לערנען תורה, הלואי וואלט איך געהאט א 'וועקעישאן', דעמאלטס וואלט איך פארמאכט די סעלפאן און געלערנט 5 בלאט גמרא רצופות וכו'...די גראז איז גרינער דארט, אבער צו ווייסטו אז דו קענסט "יעצט" לערנען 5 "מינוט" רצופות, דו קענסט "יעצט" אריינכאפן נאך א משנה, נאך א הלכה וכדומה. ווען מיר ווען מיר ווען געדענקען די "ערד אויף וואס מיר שטיין" והנה סלם מצב ארצה, וועלן מיר געוואר ווערן דער אוצר איז דא נעבן אונז "וראשו מגיע השמימה"!

**ויפגע במקום וילן שם כי בא השמש**

**ויפגע**- ורבותינו פירשו לשון תפלה וכו' ולמדנו שתקן תפלת ערבית (רש"י)

**כי בא השמש**- היה לו לכתוב ויבא השמש וילן שם כי בא השמש משמע ששקעה לו חמה פתאום שלא בעונתה (רש"י)

רש"י זאגט אונז אז יעקב אבינו האט באגעגנט דעם הר המוריה און ס'איז פלוצלינג טונקל געווארן און ער האט מתקן געווען תפילת ערבית. מיר ווייסן אז "מעשה אבות סימן לבנים". די לעבנ'ס געשיכטע פון אונזערע אבות איז נישט א "אלטע מעשה" וואס איז געשען מיט 3500 יאר צוריק. ס'איז א מעשה וואס שפילט זיך אפ ביז משיח'ס טאג. יעקב אבינו איז דער טאטע פון גלות, יעקב אבינו הייבט יעצט אן מיטצומאכן זיין לאנגע פעקל צרות ווי ער טרעט פאר אונז אויס א וועג. מיר ווייסן אז באמת איז תפילת ערבית רשות אבער היינט האט עס כלל ישראל האט מקבל געווען פאר א חוב, **"וקיבלוה עליהם כתפילת חובה"** (לשון הרמב"ם הל' תפילה פ"א הלכה ח). וואס ווייזט אונז מעריב? רש"י פארציילט אונז אז ווען יעקב איז אנגעקומען צום מקום המקדש שקעה חמה שלא בעונתה ס'איז געווען א "פלוצלינג'דיגע טונקלקייט" ממש א 'סורפרייז'. אסאך מאל מאכט זיך א טונקלקייט א מענטש וויל גיין צום קדושה ער וויל דאווענען און לערנען און...ס'ווערט אים טונקל אומגעראכטן, וואס טוט מען ?

יעקב אבינו זאגט אונז אויס דעם סוד: ער נעמט זיך דאווענען מעריב. ביי מעריב איז נישטא קיין הויכע שמונה עשרה ווייל דאס איז א שטילע תפילה וואס יעדער דאוונט פאר זיך, א צווייטער קען דיר נישט מוציא זיין מיט חזרת הש"ץ, יעדער האט זיך א אייגענע תפילה, ווען ס'איז טונקל, מ'זעט נישט און מ'שפירט נישט רעדט מען צום אייבערשטער אין די אייגענע שפראך וואס קיינער הערט נישט און פארשטייט נישט נאר דער באשעפער. פארדעם איז עס "רשות", ווען ס'איז טונקל קען מען נישט צווינגען פאר א צווייטן צו עבודת השם, ס'דארף קומען פון די אייגענע רצון אבער פון די רשות ווערט סוף כל סוף א חוב פון זיך אליין "וקיבלוה עליהם".

א מענטש דארף וויסען ווען ס'איז טונקל ווענדט מען זיך צום באשעפער וואס ער ווייסט פונקטליך דיין מצב, ער האט דאך עס געמאכט, און צום סוף ווערט עס ליכטיג ווי מ'זעהט נעקסטע וואך "ויזרח לו השמש" די זון האט אים אויפגעשיינט, אמאל נעמט עס א שטיק צייט אבער מ'טוט וואס מ'קען און **יעדע נאכט ענדיגט זיך אמאל**.

## • הלכה

**שאלה: וואס דארף מען זיין געווארנט ביים ארויסנעמען ירקות פון די לעדל אין וואס ס'ליגט פארשידענע און מ'דארף נאר איין געוויסע ירק בנוגע די מלאכה פון בורר ?**

**תשובה**: מ'נעמט ארויס די וועלכע מ'וויל סמוך לסעודה.

**שאלה: וויאזוי דארף מען ארויסנעמען געימס ווען מ'דארף אויסקלויבן פון צווישן אסאך אנדערע?**

**תשובה**: מ'נעמט ארויס די געים וואס מ'דארף תיכף פארן שפילן.

## • מעשה

**אלעס קומט צוריק**

ר׳ יצחק כהן פון שיקאגו, א חשובער יוגערמאן פון ״לעיקוואוד כולל אין שיקאגו״ האט געהאט יארצייט די קומענדיגע וואך האט ער געבעטן א שבת בעפאר פאר מפטיר/מוסף ווי דער מנהג איז. דער גבאי איז געווען אין א שטיקל פארלעגענהייט ווייל ר׳ פנחס ליכט, אויכעט א כהן - פון די פני הקהלה אין שטאָט, האט געהאט יארצייט בו ביום. דער גבאי האט געפרעגט הרב צוקער שליט״א דער ראש הכולל וואס ער זאל טוהן האט ער געזאגט אז לכאורה גיהערט עס צו ר׳ פנחס אבער ער זאל אים פרעגן צו ער קען מוותר זיין ווייל סוף כל סוף איז ר׳ יצחק א חשובער יונגערמאן וואס תורתו אומנתו. ר׳ פנחס האט מוותר געווען בכבוד גדול.

נאכ׳ן דאווענען האט ר יצחק באדאנקט ר׳ פנחס, האט ר׳ פנחס געזאגט: ס׳איז א נחת רוח פאר מיין טאטע, איך ווייס אז ער וואלט זיכער אזוי געטון, ער האט אלעמאל מכבד געווען און מוותר געווען פאר תלמידי חכמים. זאגט ר׳ יצחק מיין טאטע וואלט אויך אזוי געטון, איך וועל דיר פארציילן א מעשה. מיין טאטע ע״ה פלעגט דאווענען אין די 7 אזייגער מנין יעדן אינדערפרי. געווענליך דאווענען די פריעדיגע מנינים שנעלער ווייל דער עולם יאגט זיך צו דער ארבעט. וועו מיין טאטע - וואס פלעגט געווענליך דאווענען פאר זיך מער געלאסען - האט געהאט יארצייט האט ער געדאוונט מיט די צווייטע מנין וואס דאוונט מער רואיג און געלאסן. זיין מאמע׳ס יארצייט איז געווען אום חול המועד וואס איז דאך  א לענגערע דאווענען מיט הלל וכו׳ און ווען ס׳איז געקומען צום ליינען האט מיין טאטע געזאגט פארן גבאי אז ער איז א כהן, דער גבאי האט אויסגעזען זייער אומבאקוועם, ער זאגט פאר מיין טאטע שטילערהייט: מיר האבן דא איין כהן טעגליך ביי דעם מנין און ער האט ל״ע פארקינסאנ׳ס און ער שלעפט זיך מורא׳דיג שטאַט, געווענליך איז ער דער איינציגסטער כהן ביי דעם מנין, ער האט שוין אנגעהויבן צוגיין פון זיין פלאץ צום בימה. איך פיל זייער אומבאקוועם אים צו זאגן אז ער קען צוריקגיין ווייל ס׳איז שוין דא א צווייטער... מיין טאטע האט געזאגט פאר׳ן גבאי, זארג דיך נישט ס׳איז בסדר, געב אים די עליה, איך בין זיכער אז דאס איז א נחת רוח פאר מיין מאמע. ר׳ פנחס הערט אויס און ער רופט זיך אן: דו ווייסט וואס איך וועל דיר זאגן? דער איד מיט די פארקינסאנ׳ס איז געווען מיין טאטע ! ער פלעגט דאווענען מיט די 8 אזייגער מנין אין די זעלבע שול ! אלעס קומט צוריק מיט א וואונדערליכע השגחה.

**א גוט שבת**